# א גריס פון
# בית פיגא

פרשת וישלח

י"ט כסלו תשפ"א

יאר ו גליון 3

## מעשה פון א צדיק

**רבי נחמן טולטשינער איז אמאל געגאנגען אין גאס. עס איז געווען א קאלטע גליטשיגע ווינטער טאג און ער האט זיך אויסגעגליטשט. אן אלטע פרוי האט אים דורך געוואקט, און געשריגן אויף אים ווייל דו ביסט א ברסלבער האסטו דיך אויסגעגליטש. רבי נחמן האט זיך אויפגעהויבן און געזאגט מיט א שמייכל, איך האב מיך אויסגעגליטש ווייל עס איז גליטשיג און איך האב מיך אויפגעהויבן ווייל איך בין א ברסלב'ער.**

## א פרייליכע איד

וויאזוי ווערט מען פרייליך?

הערט שיעור פון מרת לעסער

212-444-9169

2,4,2,87



א גוט שבת!

זמן שבת: 4:13

זמן מוצש"ק: 5:41

## א בריוו פון די ראש ישיבה

בעזרת ה' יתברך

יום א' פרשת ויצא, ג' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו זאגסט תהלים יעדן טאג. מען האט אמאל פארציילט פאר ר' נתן זכרונו לברכה אז עס זענען דא געוויסע חסידים וואס פירן זיך צו לייגן פארן גיין שלאפן אונטער זייער קישן א פלאש בראנפן, און ווען זיי וועקן זיך אויף פרעגן זיי: "משיח איז נאך אלץ נישט דא?" דאן הייבן זיי אן טרינקען ביז זיי ווערן שיכור און שלאפן נאכאמאל איין, זייער צוגאנג איז אז ווי לאנג משיח איז נאכנישט דא דארף מען איינשלעפן דעם יצר הרע, ווייל ווען מען שלאפט זינדיגט מען נישט. האט ר' נתן געזאגט: "דאס איז נישט קיין עצה; מען דארף לייגן א 'תהילים' אונטערן קישן און ווען מען וועקט זיך אויף און מען זעט אז משיח איז נאך אלץ נישט דא, זאל מען אפיר נעמען דעם תהילים, זאגן אפאר קאפיטלעך און שרייען צום אייבערשטן".

וואס דו דארפסט זאלסטו בעטן פונעם אייבערשטן אויף דיין אייגענע שפראך – אויף אידיש, עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך ביים אייבערשטן ווי תפילה והתבודדות.

פאלג דיינע עלטערן; דו האסט זייער חשוב'ע עלטערן, וואס זיי זאגן דיר זאלסטו פאלגן מיט שמחה און פרייד.

יואל ראטה

# מעשיות פון תפילה

### רויזעלע ראטענבערג:

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאך קענען פאלגן מיין מאמע, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב איר געקענט פאלגן!

ערשטע קלאס

### פערעלע שווארץ:

איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל טרעפן מיין זייגער, מיין מאמע האט מיך געבעטן צו אויפזיכן איר פאון אינמיטן עס אויפזיכן האב איך געטראפן מיין זייגער, ש'כח אייבערשטער!



צווייטע קלאס

### חי' צירל פורסט:

איך האב מיך אפגעבריט פון א היטער, און איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל גארנישט וויי טון און ש'כח אייבערשטער אז עס האט זיך גלייך אויסגעהיילט!



פערטע קלאס

### שרי לעווי:

איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל באקומען א קאמערא, מיין מאמע האט מיך געזאגט אז זי גייט מיך קויפן ביי מיין געבורסטאג, אבער איך האב עס שוין געוואלט באקומען פארדעם האב איך געבעטן די אייבערשטער, און ש'כח אייבערשטער איך האב עס באקייען אסאך פאר מיין געבורסטאג!




עלטסטע קלאס

## נייעס אין בית פיגא:

די וואך שבת איז פארגעקומען די לאנג ערוואטערטע שבת התוועדות אין שטעטל פאר אלע בית פיגא תלמידות! עס איז געווען גאר א שיינע שבת, מען האט זיך צוזאמען מחזק געווען מיט די הייליגע רבי'ס עצות. פרייטאג נאכמיטאג זענען די מיידלעך אנגעקומען, און זיך צוגעגרייט פאר שבת. פרייטאג צונאכטס האט מען צוזאמען געזינגען קבלת שבת, און יעדע מיידל האט געהאט א געלעגנהייט צו פארציילן מעשיות פון תפילה. נאכן דאווענען האט מען זיך געוואשן און עס איז געווען א שיינע סעודה וואס די משפחות פון שטעטל האבן צוגעשטעלט. 8:00 האט זיך אנגעהויבן די באטע מען האט געזינגען לכבוד שבת, און דערנאך האט מרת וועבערמאן אויפגעטרעטן און גערעדט וועגן די שיינקייט פון זיין באחדות'דיג, און האט געגעבן א נאמען פאר אונזער שבת, "שבת התוועדות תשפ"א **ת**-טייערע **ש**-שוועסטערס **פ**-פארברענגען **א**-אינאיינעם" צום סוף איז געווען א פאנעל פון חשובע פרויען פון שטעטל, וואס האבן פארציילט וויאזוי זיי זענען מקורב געווארן צו די הייליגע רבי. שבת צופרי' נאכן דאווענען איז געווען א קידוש, מרת לעסער האט פארגעלערנט מעשה ה' פון סיפורי מעשיות, מבן מלך שהיה מאבנים טובות. שבת נאכמיטאג נאך די סעודה האט מען אויסגעטיילט עצתו אמונה און אלע מיידלעך האבן זיך צוכאפט דערצו. שלש סעודות האט מען געוואקט צו מרת היילפרין, זי האט געגעבן א שיינע שיעור און דערנאך האט מרת יאקאבאוויטש אויסגעלערנט א נייע בית פיגא ליד. מוצאי שבת איז געווען א הערליכע מלוה מלכה, מרת לעסער האט פארציילט א מעשה פון א צדיק, נאכדעם האט מען געוויזן די נייע תהלים מוזיק ווידיו. דערנאך האבן עטליכע חשובע פרויען אהערגעשטעלט א הערליכע פלעי, זיי האבן זייער שטארק ארויסגעברענגט די שיינקייט פון אידישקייט, און ווען מען קוקט מאוויס ווערט מען נישט פרייליך נאר פונקט פארקערט מען ווערט דיפרעסט. צום סוף איז געווען א סורפרייז שיעור פון די ראש ישיבה וואס דאס האט איבערגעלאזט א שטארקע רושם אויף אלע מיידלעך. און דערנאך האט מען געטאנצן און זיך געפרייט אז מען איז א איד!